# אַרום „דאס הויז פון די ליאלקעס“

חשובער רעדאקטאָר:

איך האָב מיט טיפער דערשיטערונג געלייענט דעם אַרטיקל פון מ. ג. (אין „יידיש־היימיש“) — „א ליטעראַרישע סענסאַציע“.

היות ווי דאָס ארטיקל פארענדיקט זיך מיט מ. ג.־ס וואונדערן זיך וואָס אַזאַ בוך ווי „דאָס הויז פון די ליאלקעס“ ווערט פאַרשוויגן, בעת מינדערווערטיקע ביכער ווערן היסטעריש גערימט, וויל איך דאָ דערגענצן מ. ג.־ס ארטיקל מיט אַ שטיקל אינפאָרמאציע, וואָס א יידישער שרייבער און קולטור־טוער פון ישראל האָט מיר פאַראַיאָרן, בעת זיין זיין אין מעלבורן, מיטגעטיילט.

רעדנדיק וועגן טרויעריקן מצב פון יידישן בוך, האָט ער מיר דערציילט וועגן א יידישן קאַצעטניק, וועלכער האָט אַנגעשריבן אַ דערשיטערנדיקן בוך „דאָס הויז פון די ליאלקעס“, אָבער דאָס בוך, וואָס האָט געזאלט דערשיינען אין „פארלאג פון פוילישן יידנטום“, איז נישט דערשינען דערפאר, ווייל דער פארלאג האָט געפונען, אַז עס איז... „עראָטיק“.

איך האָב דאָס בוך נישט געלייענט, אָבער לויט די רייד פון יענעם ישראל־שרייבער און פון מ. ג.־ס ארטיקל זע איך איין ווי שרעקלעך עס איז דער מצב פון יידישן בוך, — ווער עס דעצידירט וואָסער בוך עס דארף יאָ דערשיינען און וואָסערער — נישט.

איך מיין, אז אָט דער פּרט וועגן „דאס הויז פון די ליאלקעס“ מאַכט אַ סך זאכן קלאָר.

מיט דרך ארץ

**י. ראפּאפּארט**

מעלבורן, אָקטאָבער 1966.

★